Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT    פרייז 30 גראשען    היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 250 | Łódź, Piątek, 28 października 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ח תשרי תרצ״ג | № 250 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

## Cafe „ATLANTIC" Piotrkowska 48
tel. 162-11

האט דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דעם ג׳ פובליקום, אז נאך א לאנגען און גרינדליכען רעמאנט ווערט **זונטאג, דעם 30 ד. ח. דאס לאקאל ווידער ערעפענט**

אין וועלכען עס וועט קאנצערטירען דער בעוואוסטער ערשטקלאסיגער ארקעסטער THE ACORD BAND

טעגליך פון 10–12 נאכטס ערשטקלאסיגער **דאנסינג** אונטער דער לייטונג פון פארטענצער ARTUR CORTER. שבת פון 5–7 נאכמיטאג **פייף א קלאק**

סאלידע און עלעגאנטע בעדינונג. ערמעסיגטע פרייזען. מיט האכאכטונג: די אינהאבער.

0799

## JÓZEF FRÄNKEL, BIELSKO
### Fabryka sukna

ZNAK OCHR.
FABRYKA SUKNA JÓZEF FRÄNKEL BIELSKO
DEKATYZOWANY

עמפפעהלט דער געעהרטער קונדשאפט צום הערבסט און ווינטער-סעזאן דעם גרעסטען אויסוואהל פון איהרע פיינסטע אויס-ארבייטונגען פון **קאמגארן** אין די שענסטע מוסטערן און פארבען, אזוי-גוט **מאדע- און גלאטע-ווארעס**
**אין איהר אייגענעם פאבריקס-לאגער**

# אין לאדז, פיעטריקאווער 27 פראנט 1 שטאק טעל. 192-28

ווי אויך ביי איהרע ג׳ אפנעהמער. די ג׳ קונדשאפט ווערט געבעטען אכטונג צו געבען אויף אונזער פאטענטירטע שוצמארקע, וואס איז א גאראנטיע פאר די פיינסטע ביליצער סחורה.

**אריגינאלע פאבריקס-פרייזען.**

## FABRYKA SUKNA
## A. D. SZPIRO
### BIAŁYSTOK

קאמיסיאנסלאגער ביי דער פירמע

# ג. שציבוק

פעטריקאווער 61, טעלעפאן 24-000

מיר עמפפעהלען

# גלאז, פארצעלאן, קרישטאל

אינלענדישע און אויסלענדישע אין א גרויסען אויסוואהל
**צו ביליגע פרייזען**

## Warszawiak i Gurman
dawn. **ĆMIELÓW**

**Łódź, Piotrkowska 31, tel. 156-89.**

## האנטווערקער-פעראיין אין דער פוילישער רעפובליק
אפטיילונג לאדז, פיעטריקאווער 64.

**אכטונג, מיטגלידער!**

מארגען, שבת, דעם 29 אקטאבער ה. י. פינקטליך 7 אווענד, ארדנען מיר איין אין אונזער פעראיינס-לאקאל

# איובל-פייערונג

געווידמעט דער 5-יאהריגער עקזיסטענץ פון אונזער פעראיין

פראגראם: 1) דערעפנונג; 2) געשיכטליכער איבערבליק איבער דער טעטיגקייט פון פעראיין; 3) בעגריסונגען; 4) פערשרייבען זיך אין געדענק-בוך.

אין פראגראם נעמט אנטייל דער ארקעסטער פון „קולטור-ליגע"

6199

איינגאנג דורך איינלאדונגען פריי!

**די פערוואלטונג.**

23 **אמבעסטען און אמביליגסטען** 23

קויפט איהר איין צום בעפארשטעהענדען הערבסט און ווינטער-סעזאן

## די נייעסטע הערען- און דאמען-שטאפען

פון די בעסטע ביליצער, טאמאשאווער און לעאנארד׳ס סחורות

נאר אין דעם בעוואוסטען טוך- און קארט-געשעפט פון

# M. TAZBIR

לאנגיעהריגער מיטארבייטער פון דער געוועזענער פירמע ק. מילגראם

**לאדז, פיעטריקאווער 23, טעל. 226-39, פראנט, 2-טער שטאק**

וואו איהר בעקומט אלעס צו קאנקורענץ-פרייזען.

הורט און דעטייל! — רעיעלע בעהאנדלונג!

23 געדענקט די אדרעס! 23

## „VIENPOL" נור פון דער פירמע

**FABRYKA GIĘTYCH MEBLI**
## „VIENPOL"
**Zawadzka 5, tel. 191-20**

# פערלאנגט ווינער מעבעל



גאראנטירט מיט איהר שטארקייט און דויערהאפטיגקייט
צו בעקומען אין אלע מעבעל-געשעפטען.

פאבריקס-לאגער אויף **5 זאוואדזקא 5**

# דער „שאַרפּער קאָפּ“
## פון דער קהלה




דאזאר: אַ מענש מיט אַזאַ „שאַרפֿן קאָפּ“ שטעהט מאַקע אָן, איצט צו פערכאַפּען די פּרעזעסור אין דער קהלה.

# ברוך און זרח
## אויף אַ באַנק אין קאָליע־גאָרטען

ברוך: וואָס איז מיט דיר היינט, זרח, עפּעס האָסטו דאָך היינט אַזאַ זויערע מינע, ווי דו וואָלסט געהאַט צו צאָהלען אַ וועקסעל.

זרח: כ'האָב גרויס עגמת־נפש, מיין זוהן איז קראַנק געווען אויף אַ געהירן־ענטצינדונג, און איצט וועט ער פערבלייבען אַ האַלבער אידיאָט.

ברוך: ס'איז נישט געפעהרליך, פאַר'ן ערגסטען פאַל, וועט ער ווערען אַ דאָזאָר אין דער קהלה.

זרח: ער, אַזאַ גרויסער אידיאָט איז ער נאָך נישט...

ברוך: גלויב מיר, אַז איך האָב אויך אַ פערדרעהטען קאָפּ. מיין ווייב לייזט אויף „ראַנדעלניקוס גלאָוואַטוס“.

זרח: וואָס איז דאָס סאָרט קרענק?

ברוך: זי האַקט מיר דעם ראַנדעל אין קאָפּ אַריין.

זרח: אוי, ביטער.

ברוך: נו, מ'דאַרף געבען... [illegible] לערנען וועגען אַ תכלית פאַר מיינע פינף ראַוי לחופּה־דיגע טעכטער, פינף טעכטער און אַ חתן זעהט מען נישט אויף אַ רפואה.

זרח: קענסט דו דאָך געבען אַן אַנאָנס אין דער צייטונג.

ברוך: כ'האָב שוין דאָס געטון.

זרח: נו?

ברוך: האָב איך בעקומען אַן ענטפער, כ'זאָל צו שטעלען אַ „פּרובקע“...

# אַן'אַלטער בחור זוכט אַ שידוך
## אונטערגעהערט אין דער שידוכים־ביוראָ

שדכן (צום חתן־בחור): כ'האָב פאַר אייך אַ מעדעל פון שפּיץ מעסער.

חתן: כ'וואָלט נישט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַ מעדעל, מעדלעך זענען נישט פּאָוואַזשנע.

שדכן: אויב אַזוי האָב איך עטליכע שעהנע גרישות.

בחור: ניין, גרישות וויל איך נישט.

שדכן: פאַרוואָס?

בחור: אויב זי האָט זיך געגט מיט אַ מאַן, האָט זי עפּעס אַ חסרון.

שדכן: איך קען אייך געבען אַ לעבעדיגע ווידובקע.

— לאָזט מיך אָפּ מיט ווידובקעס, אויב זי האָט איין מאַן בעגראָבען, וועט זי מיך אויך בעגראָבען.

— נו, וואָס ווילט איהר פאַרט?

— איך וואָלט געוואָלט איינע'ס אַ ווייב, אויב יענער קען מיט איהר אויסהאַלטען, וועל איך אויך אויסהאַלטען!

# אַ קאַפּעלע פּאָליטיק
## אין ווילקער בית־המדרש
### בין מנחה למעריב

מיט דעם צוריקקעהרען די נאַציע אין דייטשלאַנד, געהט עס נישט אַזוי לייכט, דער אַלטער ווילוש קען זיך נישט דערוואַרטען.

— געה שוין געה. אַז נישט פּאָוועל איז גאָיועל, די דאָזיגע סחורה איז דאָ גענוג אויף לאַגער.

* * *

האָסט געהערט, אַז דער סיים זאָל זיך עפענען?

— אַזוי שמועסט מען.

— נו, וואָס יועט טון די אָפּאָזיציע?

— זי וועט מאַכען אַן'אָבסטרוקציע.

— אַ פּאַסקודנע קרענק, איך לייד אויך אויף דעם מיחוש.

# אַ היסטאָרישע פּאַניענקע

פעלע: דו ווייסט, ווען מ'האָט אַרויסגעיאָגט די דייטשען פון וואַרשא, בין איך פּונקט אַלט געווען 5 יאָהר.

צעלע: דו מוזט האָבען אַ טעות, דו מוזט מייִנען די יאַבוואַר־פּאָווסטאַניע...

# פון „חסד של אמת“

אין „חסד של אמת“ האָט זיך די לאַגע נישט פערבעסערט. ס'איז נאָך אַלץ דאָרט דער „זויערע סעזאָן“...

# אַ יונגעל ווערט געבראָכט

— אַ הייער מאַנופאַקטוריסט האָט אין פענסטער אַרויסגעהאָנגען אַ בעקאַנטמאַכונג „אַ יונגער ווערט געבראָכט“.

צומאָרגענס איז פאַר'ן געשעפט געשטאַנען אַ קוישעל מיט אַ קינד און אַ צעטעלע: „דאָס יונגעל איז געמליט, ער הייסט זעליג“.

# אין יודישען טעאַטער
## אונטערגעהערטער שמועס אויף די לעצטע רייהען

— ערקלער מיר, פייוועל, פאַרוואָס זיצט דו אייביג אין טעאַטער אויף דער לינקער זייט?

— ווייל דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, כ'זאָל... [illegible]

# זיי געטרייסט!
## אויפגעכאַפּט אויפ'ן היגען בית־החיים

שלמה לייזער פּאַנטאָפעל האָט די טעג בעגראָבען זיין יונג ווייבעל. ביים קבר שטעהט זיין ווייבעל'ס „פשיאַטשעל דאמו“ און גיסט מיט ביטערע טרעהרען. שלמה לייזער, זעהענדיג ווי דער פּשיאַטשעל קלאָגט, טרייסט ער איהם:

פּאַניע יאַקוביע, כ'בעט אייך, הערט אויף צו וויינען... איך וועל דאָך נעמען אַ צווייט ווייב!..

---

# דער קונדס
## הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק ●

בייל֬אַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 250 — פרייטאַג, דעם 28 אָקטאָבער 1932

# אוי, ר' ... בעז!...



## ווי אַזוי די „זשידקעס“ מאַכען אַדורך אָפּעראַציעס איבער זייערע יודישע נעז







1) אויבען אינדערמיט : „מיס ווענגא״, די שעהנהייטס-קעניגין פון ווקען אויפ׳ יאהה 1933 פרל. מע״י ווינלי

2) דער געו. גענע״אל סעק״עטאר פון פעל־קער־בונד סע״ע״יק דרעמאנד איז א:געקומען קיין בע״לין

אויבען רעכטס : אילומינאציע פון קאבורגער שלאס בעת דער חתונה פון דער כר בצעסין סיביליע מיטן שוועדישן פרינץ גוסטאוו אדאלף

אינהערוייט רעכטס: דער היסטאר״קער מיינע־קע איז אלט געווא״ען 60 יאהר

אונטן רעכטס: א נייע גרויסע דאמבע איז פער־ענדיגט געווא״ען ביי זאאלבורג (דייטשלאנד)




















אויבען לינקס : א סצענע פון עמיל לודוויגס פיעסע „יוערסאל״ פון לינקס : קלעמאנסא, לאיד דושארדזש, באלפור (שטעהט) ווילסאן און פאראדעווסקי. רעכטס — מארשאל פאש

אין דער זייט לינקס : א פראנצויזישע בריף־מארקע אויף צו בעקעמפען טובע״קולאז

אונטען לינקס : בינען־שטאקען אין דער פארם פון פיגורען פון היילגע, זיי געפינען זיך אין שטעטעל לעווענבערג, (דייטש־שלעזיען) און שטאמען נאך פון 14 און 15 יאהרהונדערט

אינדערמיט : סעססאציאנעלער מאהר אין בער־לין דער באנקיר הינצע האט הערשאסען זיין פרוי די בעריהמטע אפערן־זינגערין בינדע־נאגעל

אונטען אין דערמיט : 1) דענקמאל פאר׳ן דיכטער הערמאן לענס אין האנאווער
2) ד״ר געבעלס רעדט אויף א פערזאמלונג פון די היטלעראווצעס











אויבען אינדערמיט : דער בערייהמטער פּאָלי - טישער אַוואַנטוריסט טרעביטש ליכאָלן האַלט אין בע־לין אַ פּאָרטרע: וועגען דעם, ווי ער איז אריבער צו בודיזם.
אויבען אינדערמיט 2) דער בערייהמטער פיזיקער רעאָמיור, צום 175־טען יאָהרטאָג פון זיין טויט

אויבען רעכטס : גרויסע פייערליכקייטען אין באַ־דאַד צוליב'ן אַריינטריט פון איראַק אין פעלקער־בונד, אין ווינקעל—קעניג פייזעל

רעכטס אין דער זייט ניקאָלאָ פּאַגאַניני דער גרעס־טער פידעל־שפּילער פון אַלע צייטען איז געבוירען געוואָרען מיט 150 יאָהר צוריק אין איטאַליען

אונטען רעכטס : אויטאָ־פּאָנטאָוויע פאַר חיות, האָט איינגעפיהרט דער חיות־ שוץ־פעראיין אין וויען
















אויבען לינקס : אַ בילד פון דער עקספּעדיציע אויף די העכסטע בערג פון דער וועלט, אויף הימאַ־לאַיען־בערג (אַזיען)

אינדערזייט לינקס : געוו. דייטשער שטאַטסעקרעטאַר פון פינאַנץ־מיניסטעריום גראַף פּאָסאַדאָווסקי איז געשטאָרבען אין עלטער פון 87 יאָהר

אינדערמיט : גרויסע גנבה אין אַ קירכע, אין דער־קינגען האָט מען אַוועקגע'גנב'עט ווערטזאַכען אויף העכער אַ מיליאָן מאַרק

אין דער זייט לינקס: זאַמלונג אויף ווינטער־הילף וואָס ווערט איינגעאָרדענט דורך דער דייטשער רייכסווער

אונטען אינדערמיט 1) אַ וואָלקענקראַצער פון 70 שטאָק ווערט איצט פערענדיגט אין ניו־ יאָרק
אונטען אינדערמיט 2) די וואַהלען אין אַמעריקע „רייניגט דאָס לאַנד מיט דעמאָקראַטישען זייף" זייף, וואָס ווערט פערטיילט אומזיסט דורך דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.





